# קהל הקודש "בארא פארק" גייט מיט שירעמ'עס



# קויפ'ן צייטונגען אום שבת קודש?!



דעם לעצטען ערב ש"ק (פ' קדושים) זענען אונזערע פאסט-קעסטלעך ווידער פארפלייצט געווארן מיט א פרישן פאשקעוויל פון די "כת הידוע", וואס אטאקירט מיט בייזווילינע באלײדיגונגן, אונזער חשובע קהילה קדושה "בארא פארק" יצ"ו, דער עיר ואם בישראל וואס איז שווער צו טרעפען איהר גלייכן אין די גאנצע וועלט.

אין זייער 4 זייטיגער העסליכער פאשקעוויל, אטאקירן זיי אונזער עירוב מיט 8 לעכערליכע און עם-הארצ'ישע פונקטן, ווי ס'פאסט טאקע פאר א "כת שאינם מודים בעירוב". און מיט דעם פראבירען זיי מקיים זיין דעם "אשר קרך", אריינצווארפן "ספיקות" אין די אויטאריטעט פון אונזערע מורי הוראה'ס שליט"א, אשר מפיהם אנו חיים אין אלע אונזערע שאלות בהלכה, קלות כבחמורות.

אבער, שבת קודש נאכמיטאג, האבן ב"ה טויזנטער פון דעם חשוב'ע בארא פארק'ער ציבור רעאגירט מיט א מעכטיגען מעסעדזש אויף צוריק: ס'וועט אייך גארנישט העלפען! מיר וועלען נישט אפטרעטען קיין זיז כל שהוא מלעשות "ככל אשר יורוך". אונזערע גדולי תורה דארפן זיך נישט גיין בײ אייך לערנען, און אודאי נישט אייער הסכמה. זיי וויסן נישט ווייניגער פון אייך וואס די פריערדיגע רבנים און ראשי הישיבות זצ"ל האבן דאן געפסק'ענט, און פונדעסטוועגען האלטן זיי להלכה ולמעשה, אז אונזער היינטיגער עירוב איז כשר ומהודר לכתחילה שבלכתחילה. מיט זייער "דעת תורה" פארשטייען זיי, אז די "הוראת שעה" פון אמאל איז נישט קיין "הוראה לדורות", ווייל דער איצטיגער עירוב איז אן אנדערער, דער איצטיגער מצב פון מחיצות איז אנדערשט, און דער היינטיגער חרדישער און חסידישער בארא פארק איז אויך אן אנדערער ווי אין די פריערדיגע יאהרן. צום היינטיגן טאג, ב"ה, זענען מיר גארנישט ווייניגער פון ירושלים און בני ברק, און אפשר גאר מער, ווייל זיי זענען מקנא די הידורים פון אונזער עירוב.

אין אמת'ן אריין, קענען מיר דא שטיין בלייבן, און זיך נישט באפאסען צו ענטפערן זייערע 8 פונקטן, ווייל וויבאלד אונזערע היימישע רבנים האבן גע'פסק'ענט אז אונזער עירוב איז נישט ווייניגער ווי דער עירוב פון ירושלים און בני ברק, ווערן דאך שוין ממילא זייערע טענות בטל ומבוטל כעפרא דארעא. זייער אויגערופענע "חששות" פון שירעמ'עס, צייטונגען, תערובות, וכדומה, ווי אויך די אלע "ספיקות דאורייתא" זייערע, זענען דאך אקטואל דארט - נישט ווייניגער ווי דא. און ס'איז נאך קיינעם נישט איינגעפאלען צו אסר'ן דעם עירוב אין ירושלים אדער אין בני ברק, צוליב אט די דאזיגע אויסגעטראכטע נארישע חששות.

אבער, נאר כדי אויפצווייזען זייער עם-הארצות, זייערע סילופים און זיופים בדעת תורתינו הקדושה, וועלען מיר זיך אביסל אפגעבען אין די קומענדיגע שורות מיט זייערע 8 פונקטן, אחת לאחת, ויירא הקהל וישפוט.

* * * *

אין זייער ערשטע סעיף פראבירן זיי אוועקצושטעלן א 50 יעריגער אמעריקאנער "מנהג העיר", וואס האט א דין פון א "נדר", וויבאלד אז ס'איז שוין 50 יאהר זינט מ'האט געאסר'ט אן עירוב אין מאנהאטען, און קיין בית דין קען דאס שוין קיינמאל נישט מבטל זיין.

גיט א קוק זייער זיוף, צוזאמען מיט זייער עם-הארצות. ראשית, ס'איז קיינמאל פריער נישט געמאכט געווארן, נישט אין מאנהעטען און נישט אין בארא פארק, קיין געהעריגן "צורת הפתח", ממילא קען דאך נישט זיין קיין "מנהג" שלא לטלטל בצורת הפתח. והשנית, הגה"ק מסאטמאר זי"ע שרייבט קלאהר אין שו"ת דברי יואל (חלק א' סי' י' אות ז') וז"ל: **"באמעריקא לא שייך בו מנהג המקום, באמעריקא צריך כל אחד ואחד לילך אחרי מנהג הארץ שבא משם".**

* * * *

ווידער אין זייער צווייטען סעיף ברענגען זיי א חתם סופר (או"ח סי' קנ"ד) בענין גילוח הזקן בחול המועד, אז אויב איינער, אפילו דער גרעסטער גדול, איז עם מתיר, ברענגט דאס צו אז מ'זאל חלילה מתיר זיין איסורי דאורייתא ר"ל, אזוי ווי די פריצי הדור

האבן געטענה'ט, אז אויב ביז היינט איז מען נזהר געווען בענין גילוח בחוה"מ, און היינט האט מען געטראפען דערויף א היתר, קען מען זיכער אויך טרעפן א היתר אויף חילול שבת בפרהסיא ר"ל. די דאזיגע ווערטער פון חתם סופר זי"ע שטעלן זיי צו לענינינו, אז אויב איז מען היינט מתיר אן עירוב (בצורת הפתח) וואס איז געווען איינגעפירט לאיסור (שלא בצורת הפתח), קען דאס ברענגן אז מ'זאל חלילה מתיר זיין אפילו איסורי דאורייתא.

פלאי פלאים! איהר הערט א מעשה? ווי שעהמען זיי זיך נישט, צו קומען מיט אזא מין דעמאגאגישע טענה, אז מתיר זיין דעם עירוב, איז פארגליכן צו חלילה מתיר זיין גילוח הזקן בחול המועד. און מיט דעם ווילן זיי ארויפצווינגען אויף אונז ר' משה'ס פסק בנוגע דעם עירוב, בשעת רבי משה זצ"ל אליין (אין "אגרות משה" או"ח חלק א' סי' קפ"ג) פסק'ענט קלאהר און דייטליך, טאקע לגבי די דאזיגע פראגע פון גילוח הזקן בחוה"מ, אז דא אין אמעריקא "מותר לגלח זקן בחול המועד בזמן הזה במדינתינו"...

* * * *

אז מיר האלטן שוין ביי דעם, לאמיר אריבערשפרינגען צו זייערן אכטן סעיף, ווי זיי שרייבן, אז מיטן מאכן דעם עירוב, איז מען עובר אויפ'ן לאו פון "לא תתגודדו", אז מ'טאר נישט מאכן אין א שטאט אגודות אגודות, וואס טייל פירן זיך אזוי און אנדערע אנדערש.

לאמיר זעהן וואס רבי משה זצ"ל פסק'ענט לגבי "לא תתגודדו". אין אבה"ע ח"א סי' נ"ט, לגבי א שאלה פון א מאן וואס וויל נישט אז זיין אייראפעישע אפשטמיגע פרוי זאל זיך אפשערן איר האר פון קאפ, וז"ל: "דבמדינתנו דאמריקא שנקבצו לכאן מכל המדינות, וכל א' נוהג כפי המקום שבא משם, ולא נקבע בכאן איזה מנהג קבוע, אין בזה משום לא תתגודדו".

* * * *

אז מיר רעדן פון "לא תעשו אגודות אגודות", לאמיר צוריק גיין צו זייער זיבעטער פונקט, ווי זיי באקלאגן זיך, אז דער עירוב האט נעבעך ליידער אנגעמאכט מחלוקת, בזיון רבנים תלמידי חכמים יראי ה', סיפור אחרי מיטתן של תלמידי חכמים אשר בארץ החיים המה, אריינגעברענגט שנאה בין איש לרעהו, בין משפחה למשפחה, הלבנת פנים, לשון הרע ורכילות, צוטיילט בארא פארק, אז טייל אידן קוקן אויף אנדערע ווי אינם מודים בעירוב, און אנדערע קוקן אויף זיי ווי מחללי שבת בפרהסיא.

הגה"ק מסאטמאר זי"ע נוצט כמה פעמים בספריו הקדושים דעם משל הידוע פונעם פייערלעשער, וועלכע איז אליין געווען דער וואס האט אנגעצינדן דעם פייער. ווער דען האט דא אין בארא פארק אנגעצינדן דעם גרויסן פייער פון מחלוקת? האבן דען די רבנים המתירים געצווינגען אויף זיי מטלטל צו זיין? מצד די רבנים המתירים וואלט קיין שום מחלוקת נישט געווען, נאר "איש על מחנהו ואיש על דגלו", יעדער זאל רעספעקטירן זיין רב, און זיך פירן ווי זיין מורה הוראה פסק'ענט איהם. ווער זענען די וואס האבן אונטערגעגראבען די אויטאריטעט פון די גרעסטע רבנים מובהקים דשכונתינו, אויב נישט זיי, זייערע מגידי שיעורים מיט זייערע נארישע "תשובות" פיהל מיט לשונות של עזות וחוצפה קעגן גדולי התורה והיראה ווי די ארגסטע "פאשקעווילן"? ווער האט מבזה געווען רבנים תלמידי חכמים יראי ה', אויב נישט זייער כת? וואלט דען אפילו 1 צעטיל פארשפרייט געווארן קעגן די אוסרים, אויב די אוסרים וואלטן נישט פארשפארט דעם וועג צו די צייטונגען, אז די צד המתירים זאלן נישט האבן "איינגע-רעכטן" מפרסם צו זיין די "דעת תורה" פון די רבנים שליט"א? איז ווער האט דא געשאפן "אגודות אגודות"? האט מען דען צוריק געשריגן "צדוקים", איידער זיי האבן געשריגן "מחללי שבת"? האט מען דען זיי אנגערופן "כת שאינם מודים בעירוב", פאר זיי האבן נאכגעשריגן עלטערע אידן און פרויען אויף די גאסן, מיט די קללה פון "מחלליה מות יומת"?

* * * *

יעצט לאמיר גיין נאך איין סעיף פריער, צום זעקסטען פונקט זייערע, ווי זיי זארגן זיך, אז די שטאט וועט פארפלייצט ווערן יעדען שבת קודש מיט תערובות אנשים ונשים, און נאך פילע פירצות בחומת הצניעות, ספעציעל אין די זומער חדשים, ר"ל.

נו אודאי! אז זייערע אויגן זעהן שוין היינט ווי "פרומע פרויען גייען מיט שירעמ'עס און שבת קודש", און ווי "מדי שבת בשבתו, קויפן אידן צייטונגען אין שבת ביי די ניוס סטענדס", איז נישט קיין וואונדער אז זייערע אויגן קענען פאראויס זעהן אזא מין תערובות אנשים ונשים אין די בארא פארקע גאסן, וואס אפילו אין מאה-שערים אדער אין רחוב חזון-איש זעהט מען נישט אזעלכעס. (אגב, נאך אזעלכע אפענע שקרים וואס זיי זאגן - היינט צו טאג - מיט בלעכענע פנימ'ער, ווי יעדער ווייסט אז דאס איז נישט מער ווי

הוצאה לעז אויף איינע פון די שעהנסטע חרדישע קהילות אויף די וועלט, ווי תמימות'דיג קען מען נאך זיין צו גלייבן זייערע "שמועות" בשם רבנים וארמו"רים פון יאהרן צוריק? ובפרט, ווען מיר וויסען גאנץ גוט וואס פאר א סארט פרעשער'דיגע קאמפיין און טעראריסטישע אקטן זיי האבן נאך דעמאלסט געפירט קעגן תיקון עירובין אין ברוקלין, והדברים עתיקים).

ווילט איהר אודאי וויסן, פארוואס טאקע זענען די גדולי ישראל אין ארץ ישראל נישט מבטל דארט די עירובין צוליב זארג פון דעם דאזיגן "חשש תערובות"? ווייל וויפיל חוצפה און לגלוג על דברי חכמינו ז"ל שטעקט אין דעם, צו אסר'ן עירובין, וואס איז א תקנה מ"דברי סופרים"! גלייבן מיר דען נישט באמונה שלימה אז פון איינהאלטן א מצות חכמים קען בשום אופן קיין שלעכטס נישט ארויסקומען? איבערהויפט נאך, ווען איינע פון די סיבות פארוואס חז"ל האבן מתקן געווען עירובין איז צוליב "עונג שבת", די בני הבית זאלן טאקע יא קענען ארויסגיין אין די גאס שפאצירן לצורך הנאתם (ווי ס'שטייט אין פרישה או"ח סי' שצ"ה ס"ק א'), און פונדעסוועגן האבן זיי זיך נישט אפגעהאלטן צוליב חשש תערובות!! זענען מיר דען קלוגער פון חכמינו ז"ל? צו אפשר זענען מיר גאר פרומער פון חז"ל?!

לאמיר זיך נאר פאהר-שטעלען, ווען די היינטיגע "תערובות-זעהר'ס" וואלטן געלעבט אין די צייטן פון נס פורים, וואלטן זיי דען נישט פארפירט קעגן די אנשי כנסת הגדולה, וואס האבן קובע געווען לדורות די מצוה פון "משלוח מנות איש לרעהו", צוליב חשש פריצות ותערובות וואס קען דערפון ארויסקומען?

אלא מאי, וועלען זיי אייך וועלען איינרעדען אז "אמעריקא איז אנדערשט", ווי איינער פון זייערע רבנים האט זיך אנגערופן "חז"ל האבן נישט געקענט אמעריקא". עפרא לפומיהו. אזעלכע דיבורים זענען ממש דברי כפירה ואפיקורסות ר"ל. גלייבן מיר דען נישט באמונה שלימה אז חז"ל האבן ברוח קדשם אלעס פאראויס געזעהן, עד ביאת משיח? און זייערע תקנות זענען גילטיג אין אלע זמנים און אין אלע מצבים! איהר ווייסט ווער זענען די וואס זאגן אזעלכע סארט דיבורים, אז חז"ל האבן נאר געזעהן בשעתם ר"ל אבער היינט איז אנדערשט? די פארשאלטענע משכילים און רעפארמער וואס זאגן אז נשתנה המקום ונשתנה הזמן, און מ'דארף חלילה די תורה צופאסן צו די היינטיגע צייטן, רחמנא לישזבן מדעתן דילהון! איז דען נישט דער פאסיגסטער טיטול אויף די וואס זאגן און דרוקען די דאזיגע דיבורים - "צדוקים שאינם מודים בעירוב"?

אבער מיר מוזן מודה זיין, אז מיט איין זאך איז בארא פארק יא אנדערשט ווי ירושלים אדער בני ברק, חוץ די הידורים אינעם כשרות פון אונזער עירוב. מיר האבן נאך א גרויסע מעלה איבער זיי, טאקע אין דעם דאזיגען ענין פון צניעות. וואס דערויף דארפן מיר אפגעבען א באזונדערע שבח והודי' פארן בורא כל עולמים, יוצר כל היצורים, אז בהשגחתו יתברך טראגן נישט געוויסע סארט מחנות מיט אונזער עירוב אין בארא פארק, וואס איז זיכער א גרויסע סיוע מן השמים אפצוהיטן אונזער חומת הצניעות (ווי למשל, די לאגערען וואס ביי זיי איז א מצוה און א חיוב עפ"י הוראות רבניהם, אז בחורים און מוידען זאלן "ארויסגיין" לכל הפחות 8 מאל איידער זיי שליסן א שידוך, וכו' וכו' וכיו"ב, ואין להאריך בדברים שהשתיקה יפה להן). מיר וואלטן קיין אמת'ן "עונג שבת" נישט געקענט האבן, ווען זיי, צוזאמען מיט זייערע גע'חתמ'טע מזרחי'סטישע רבנים נשותיהם וטפיהן, וואלטן זיך מתערב געווען צווישן אונז אין די בארא פארק'ע גאסן. ס'איז דאך ממש "חסד ה' על יראיו".

* * * *

אזוי ווי מיר ציילן שוין די טעג צו דעם הייליגן יו"ט שבועות, איז אפשר וויכטיג פארצושלאגן א הצעה פאר די כת האוסרים גוזרי הגזירות. לשיטתם, אז מ'דארף אסר'ן שבת דעם טלטול אין בארא פארק, אפילו אויב להלכה איז עס מותר, נאר ווייל ס'קומט ארויס דערפון מכשולות פון גיין מיט שירעמ'עס, קויפן צייטונגן, תערובות, וכדומה, נו אויב אזוי, זאל מען אויך אסר'ן יום טוב מטלטל צו זיין, הגם ס'איז מותר, טאקע צוליב אייערע געוואלדיגע חששות! איז דען נאר אין שבת דא נייעס אין די צייטונגן, יום טוב נישט? נאר שבת רעגנט, יום טוב נישט? נאר שבת קען זיין תערובות, יום טוב נישט? מאי שנא שבת ווען ס'איז דא אן עירוב, פון יום טוב וואו ס'איז נישט דא קיין עירוב?! והלא הדברים קל וחומר, ווייל יום טוב (אהן א עירוב) טאר מען נישט מטלטל זיין נאר "לצורך" בלבד, משא"כ שבת אין א פלאץ ווי ס'איז פארהאן אן עירוב מעג מען טראגן אפילו שלא לצורך (אגב, הגה"ק מהרש"ב מליובאוויטש נבג"מ האט טאקע בכלל נישט געטראגן יום טוב).

* * * *

און בנוגע וואס זיי ברענגען אין פינפטן סעיף, פון רש"ב מליובאוויטש, כאילו ער איז געווען אנטקעגן עירובין, צוליבן חשש פון טראגן שירעמ'עס.

קומט און זעהט מיט וואס פאר א מין זייפנים מיר האנדלן דא. דאס וואס זיי זענען מעתיק פונעם רש"ב נ"ע איז בנוגע זיין שיקול הדעת, וואס איז בעסער צו פאדערן פונעם פוילישן רעגירונג - צו מ'זאל נאר פארלאנגען בטל צומאכן דעם געזעץ פון שביתת מלאכה ביום הראשון, כדי אידן זאלן קענען זונטאג טוען פאר זייער פרנסה (ה"נוגע מאוד בנפש אחינו"), אדער צוזאמען-דערמיט אויך פאדערן אן ערלויבעניש מתקן צו זיין עירובין אין די שטעט. דערויף האט דער רש"ב געהאט א צד צו זאגן אז דער ענין עירובין איז נישט אזוי שטארק וויכטיג ווי די אידישע פרנסות, דערפאר זאל מען די צוויי בקשות נישט צוזאמען שטעלען אינאיינעם, מורא האבן'דיג אז די רעגירונג וועט באשטעטיגן נאר איינע פון זיי. בתוך דבריו הקדושים, ווי ער שמועסט אויס פארוואס איז דער ענין עירובין נישט אזוי וויכטיג ווי דער ענין פון שביתת מלאכה ביום ראשון, שרייבט ער, אז דער ענין העירובין בשעתו האט געהאט אין זיך דעם חסרון וואס שוואכע אידן אין פוילן וועלן גיין מיט שירעמ'עס אין שבת.

למעשה, האט אבער דער רש"ב נ"ע מחליט געווען, מ'זאל יא פאדערן פון דער רעגירונג דעם וויכטיגן בקשה, זיי זאלן ערלויבן מאכן עירובין אין אלע שטעט, ווי דער רש"ב אליין שרייבט דאס, "להתיר לעשות עירובין בכל עיר" (געדרוקט אין אגרות קודש סי' רנ"ז סעיף 25, און א בילד פון דעם כתי"ק איז געדרוקט אין "יגדיל תורה" שנה ה' חוברת ב' כסלו-טבת תשמ"א).

אגב, ס'איז אפשר כדאי דא צו פארציילן פארן ציבור, אז די כת "שאינם מודים בעירוב" האבן מפרסם געווען דעם דאזיגן פאלשן פינפטן סעיף אין "דער בלאט" א פאר וואכן צוריק, און מ'האט דאן תיכף ומיד אריין געשיקט צו זיי דעם דאזיגן "תיקון הסילוף בדברי הרש"ב", אבער די "בלאט" האט דעם תיקון הסילוף נישט געוואלט מפרסם זיין (אפילו פארן פולען פרייז).ליידער פירן זיך אונזערע אפגעקויפטע 3 "אומאפהענגיגע" חרדישע צייטונגען פונקט ווי די אמאליגע פינסטערע קאמאניסטישע צייטונג "פראוודא" - "דער עמעס"...

* * * *

בנוגע די דריטע און פערדע סעיפים זייערע, וואס איז געווידמעט ארייצווארפן "הלכה'דיגע ספיקות", צו עס העלפט צו מאכן אן עירוב אין בארא פארק. גייען מיר בכלל נישט ענפערען. ווייל ס'איז א חוצפה שאין כדוגמתה, פאר בני תורה און אפילו פאר מגידי שיעור, זאלן זיך אריינמישן אין זאגען דיעות בעניני "הוראת איסור והיתר", וואס באלאנגט אויסדריקליך צו די "שהגיעו להוראה". ווי חז"ל דרש'ענען (סוטה כב.) אויפן פסוק (משלי ז כו) "כי רבים חללים הפילה (ועצומים כל הרוגיה)" זה ת"ח שלא הגיע להוראה ומורה! ווייל מיט קיין סברות און אביסל בקיאות אין משנה ברורה ווערט מען נאך נישט קיין "בעל הוראה". מיט טרעפן געוויסע "ראשונים" וואס לערנען אנדערש ווי דער שו"ע פסק'ענט להלכה, ווערט נישט געשאפן קיין "ספיקא דאורייתא"ס! ווייל אויב חלילה יא, דאן האבן מיר היינט נישט קיין כשר'ע תפילין, נישט קיין כשר'ע מקוה, און נישט קיין כשר פלייש צום עסען, צוליב פאשידענע שיטות אין ראשונים! וואס טאקע דערויף האבן מיר, חרדישע אידן, א "שולחן ערוך" וואס האט שוין מכריע געווען פאר אונז וועלכע ראשונים ווערן אנגענומען הלכה למעשה. ווי דער ענין ווערט מבורר הדק היטב אין דעם וואונדערבארן חשוב'ן קונטרס "מאז ומקדם" (וואס נעמט יענע מחנה אזוי ארום פון די כלים, ווייל דער אמת טוט נעבעך זייער וויי, כידוע. און אויב ס'איז זיי נאך אלץ נישט גענוג צו דערהערן דעם חילוק אין מסורת "דרכי ההוראה" צווישן אונז און זייערע חותמים, איז כדאי זיי זאלן מעיין זיין אין נאך אפאר מראי מקומות, ווי למשל אין שו"ת נודע ביהודה תנינא סי' צ"ו, ובשו"ת "דברי חיים" ח"ב יו"ד סימנים מ"ה וק"ז, ושם באה"ע סימנים קכ"ג, קע"א, ותן לחכם ויחכם עוד).

ווי איז נאך געהערט געווארן אזא מין חוצפה און א עזות, צו וועלען באיינפלוסן אונזערע חרדישע חסידישע בארא פארק'ע איינוואוינער, זאל'ן נישט פאלגן רבנים וואו זיי פרעגען ביי זיי, און פארלאזן זיך אויף זיי, אויף אלע זייערע הארבסטע שאלות. נישט פאלגן מורי הוראה מובהקים וואס זייער איינציגער "חטא" איז, אז זיי זענען זיך נישט מכניע בעניני הוראה צו די וואס האלטן אז זיי האבן דעם מאנאפאל אויף די שטאט, נאר זיי פסק'ענען - ווי רבותיהם בהוראה האבן געפסק'ענט - פונעם שו"ע ורמ"א, עפ"י המגן אברהם והט"ז, וואס האלטן אז מיר האבן היינט נישט קיין רשות הרבים דאורייתא (אפילו אין א שטאט וואס פארמאגט 10 מיליאן איינוואוינער, וויבאלד ס'זענען נישט קאנצענטרירט ששים רבוא דורכגייערס אויף איין פלאץ, וואס אחוץ דער "אגרות משה", האבן אזוי געהאלטן רובא דרובא פון די פוסקים. ובפרט אז אונזערע מורי הוראה האבן געפסק'ענט אז די היינטיגע צוגעבויטע מחיצות ביים וואסער זענען כשר'ע מחיצות עפ"י תורה, איז דאך בארא פארק שוין א רשות היחיד). און אויב אזוי העלפט דאך אן עירוב, און דארט ווי עפ"י שו"ע העלפט אן עירוב, איז א מצוה מתקן זיין אן עירוב, ווי מ'האט טאקע מתקן געווען ב"ה א מהודר'דיגן עירוב, דערפאר קענען מיר רואיג טראגן דערין!!! ובפרט אז לויט הגאון הקדוש ה"בני יששכר" זי"ע איז גאר א ענין צו טראגן אין א שטאט וואו ס'איז דא אן עירוב מיט א פארלעסליכע השגחה, כדי מ'זאל ח"ו נישט בכלל דעם גדר פון "אלו שאינם מודים בעירוב". ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג שבת, עם מקדשי שביעי כולם ישבעו ויתענגו.